Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

היינט 8 זייטען

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראָשען

# נייער פאָלקסבלאַט

| № 265 | Łódź, Sroda, 19 listopada 1930 r. | אכטער יאהרגאנג | לאדז, מיטוואך, כ״ח מרחשון תרצ״א | № 265 |

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאדז, פּעטריקאַווער 21, טעל. 224-71

# רעגירונג וועט דימיסיאָנירן

## באַלד נאָך דער ערעפנונג פון סיים

וואַרשאַ, 18 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָר־רעספּאָנדענט). אין די פּאָליטישע קרייזן גיט מען איבער, אַז נאָכדעם ... דער נייער סיים וועט געעפנט ווערן, וועט די איצטיגע רעגירונג די־מיסיאָנירן. דער מלוכה־פּרעז. וועט דאַן צוזאַמענשטעלן אַ נייעם קאַבינעט. אַלס קאַנדידאַטן פון פּרעמיער ווערן אָנגערופן פּאָלקאָווניק סלאַוועק און בעק. אַלס קריגס־מיניסטער — מאַרשאַל פּילסודסקי.

## רעזולטאַט פון די וואַהלען אין קאַליש

### בנימין רוס געוועהלט אַלס דעפּוטאַט

קאַליש, 18 (טעלעפאָניש). אויף דער היינ־טיגער זיצונג פון דער וואַהל־קאָמיסיע אין קרייז־געריכט איז געענדיגט געוואָרן דאָס פּערטיילן די מאַנדאַטן.

עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז די ליס־טע 1 (סאַנאַציע) האָט בעקומען 51,728 שטימען, ליסטע 4 (ענדעציע) 53,444 שטימען, ליסטע 17 (ציוניסטען) 10,434 שטימען און ליסטע 18 (אגודה) 8,987 שטימען.

די ליסטע 1 האָט בעקומען 3 מאַנדאַטן און די ליסטע 4 אויך 3 מאַנדאַטן. וועגן זיבעטן מאַנדאַט איז אָנגעגאַנגען אַ גרויסער וויכוח וועמען ער געהערט.

ביז שפּעט אין אָוונט האָט די קאָמיסיע גע־האַלטן, אַז דער זיבעטער מאַנדאַט געהערט דער ליסטע 4, דאָס הייסט, אַז די ענדעקעס בעקומען 4 מאַנדאַטן און די ליסטע 17 בעקומט נישט קיין מאַנדאַט.

וואַרשאַ, 18 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָר־רעספּאָנדענט). שפּעט ביינאַכט האָט די אָפיציעלע טעלעגראַפען־אַגענטור מודיע געווען פון קאַליש, אַז די דאָרטיגע וואַהל־קאָמיסיע האָט ענטגילטיג פעסטגעשטעלט, אַז די ענדעקעס בעקומען נאָר 3 מאַנדאַטן און די ציוניסטען בעקומען 1 מאַנ־דאַט.

די זעלבע טעלעגראַפען־אַגענטור איז אויך מודיע, אַז פון דער ליסטע 17 געהט אַריין אין סיים ה׳ בנימין רוס פון לאָדז.

---

צו דער חתונה פון פרל.

רחל פּריש געלכאַסאַח

מיט ה׳

ישראל יאַקובאָוויטש בעלכאַ־סאַח

ווינשען מיר זיי אַ הערצל׳כען מזל־טוב. זאָל אייער לעבענס־וועג שיינען, ווי די זון אין הימל.

שמעון וויינבערג און פרוי, פייוויש וויינבערג און פרוי, נח פייעראייזען און כלה, אהרן אלמער און כלה.

---

12

בלאָק צו פערטיידיגען די רעכט פון יודישען פאָלק אין פּוילען

לאָדזער וואַהל־קאָמיטעט

היינט, מיטוואָך, דעם 19־טען נאָוועמבער, 9 אַ זייגער אין אָוונט קומען פאָר פאָלגענדע

וואַהל־מיטינגען

אין צוזאַמענהאַנג מיט די סענאַט־וואַהלען

אין די לאָקאַלען: „התאחדות" שענקעוויטש 3/5, „בני־ציון" רזשגאָווסקאַ 7, „סיני" גלובנאַ 62, פּרוכטען־ און גרינצייג־הענדלער זגערסקאַ 28

רעדנער: סיים־דעפּוטאַט ד״ר ראָזענבלאַט, רעד. י. אונגער, לאָוניק א. יאָעל, ראַטמאַן י. מ. ביאַלער, אי. זש. י. זעלינסקי, משה לימאַן, א. אסט, י. ערליך, מ. טעמפּעלהאָף, צבי רינגאַרט און אנד. יודען, וועהלער! קומט מאַסענווייז צו די וואַהל מיטינגען!

אַלע יודען שטימען צום סענאַט נור פאַר דער ליסטע 12

---

מאַשין־מצות אַגאַנץ יאָהר!

דערמיט ווערט בעקאַנט געמאַכט דער געעהרטער קונדשאַפט, אַז אין דער גוט־בעקאַנטער צוקערניע פון

נ. וויינבערג, פּעטריקאַווער 38 — טעלעפאָן: 143-82

ווערט געבאַקען יעדען טאָג פרישע און דינע מאַשין־מצות פון די בעסטע סאָרטען מעהל, ווי אויך מצה־מעהל. ס׳ווערט אויך געבאַקען אייער־פּערפעל און סובאָטעס לויט׳ן קאַרלסבאַדער סיסטעם ספּעציעלע געבעקסען פאַר צוקער־ליידענדע און אַלערליי קאַנדיטאָריי־אויסאַרבייטונגען, וואָס זיינען בעקאַנט מיט זייער גוטסקייט.

מיט אַכטונג

צוקערניע נ. וויינבערג

פּעטריקאַווער 38, טעל. 143-82.

---

12

בלאָק צו פערטיידיגען די רעכט פון יודישען פאָלק אין פּוילען

לאָדזער וואַהל־קאָמיטעט

יודען וועהלער! אונזער קאַנדידאַט צום סענאַט פון דער לאָדזער וואָיעוואָדזטוואָ איז

לאָוניק אַלעקסאַנדער יאָעל

ביי די לעצטע סענאַט־וואַהלען אין יאָהר 1928 האָט אונזער ליסטע בעקומען 73000 שטימען און די ליסטע פון דער „אגודה" האָט דאַמאָלס ערהאַלטען נור 22500 שטימען.

יעדער יוד, וועלכער וועט איצט ביי די סענאַט־וואַהלען אָפּגעבען זיין שטים אויף דער אגודה׳שער ליסטע דאַרף וויסען, אַז זיין שטים איז אַרויסגעוואָרפען. יעדער יוד, וועלכער שטימט פאַר דער ליסטע 12 העלפט מיט אַדורכצופיהרען אַ יודישען סענאַטאָר!

שטימט דעריבער אַלע פאַר דער ליסטע 12

---

18

אַלגעמיין יודישער נאַציאָנאַל־ווירטשאַפטליכער בלאָק צום סיים און סענאַט

גרעסטער נצחון פון דער ריין־יודישער ליסטע 18 אויף דער יודישער גאַס!

נישט קוקענדיג אויף די אַלע בעמיהונגען און אנשטרענגונגען פון די ציוניסטישע מנהיגים, האָט דאָך די אמת׳ע יודישע

ליסטע 18 אַהין די שטימען פון די ריין־יודישע גוים בעקומען קרוב 25.000 שטימען

די וואַהלען צום סיים זענען געווען דער לעצטער טויט־קלאַפּ פאַר גרינבוים׳ס פּאָליטיק.

כדי מציל צו זיין אין לאָדזער וואָיעוואָדזטווע די שטימונג פאַר די סענאַט־וואַהלען האָט מען געלאָזט אַ קלאַנג, אַז דער מאַנדאַטען־כאַפּער בנימין רוס האָט בלומרשט בעקומען אַ בענקעל אין סיים.

איצט שטעהען מיר פאַר די וואַהלען צום סענאַט. פאַר אייך, יודישע וועהלער, שטעהען איצט צוויי וועגען: אדער אויסצוּוועהלען צום סענאַט דעם דייטשען מישלער שפּיקערמאַן, וועמען די ציוניסטישע מנהיגים ווילען געבען אַ מתנה אַ סענאַט־מאַנדאַט,

אדער אויסוועהלען דעם אָנגעזעהענעם יודישען כלל־טוער, דעם בעקאַנטען פינאַנסיסט, בעוואוסטען פילאַנטראָפּ, פּרעזעס פון צענטראַלן סוחרים־פערבאַנד, פּרעזעס פון יתומים־קאָמיטעט אין פּוילען, פּרעזעס פון אַמעריקאַנער הילפס־קאָמיטעט אין פּוילען

רפאל שערעשעווסקי

שפּיקערמאַן און שערעשעווסקי! ס׳איז גענוג צוזאַמענצושטעלען דיביידע נעמען, כדי צו וויסען וועמען צו וועהלען.

די גאַנצע יודישע בעפעלקערונג שטימט אַלע ווי איינער אין דער לאָדזער וואָיעוואָדזטווע פאַר׳ן אויסגעצייכענטען יודישען עסקן, לאַנגיעהריגען ג. סענאַטאָר, ראַטמאַן פון וואַרשעווער שטאָדט־ראַט

רפאל שערעשעווסקי

שטימט אַלע פאַר׳ן קאַנדידאַט פון׳ם אַלגעמיין יודיש־נאַצ. ווירטשאַפטליכען בלאָק נומ׳ 18

